IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די טאַטעס און די קינדער • Fathers and Their Children**

by **Chaim Malitz**, translation by Matthew Brittingham

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (January 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/fathers-and-their-children]

# די טאַטעס און די קינדער

# Fathers and Their Children

Chaim Malitz
translated by Matthew Brittingham

**Introduction:** Chaim Malitz (1861-1925) was a Yiddish journalist born in Tarashcha, in the Kyiv Governorate. He immigrated to the United States sometime in the 1880s and eventually settled in Brooklyn. Malitz became especially popular as a writer of romance and intrigue novels for *Der morgn zhurnal*. One of Malitz's most interesting works was *Di heym un di froy* ("The Home and the Woman"). Published in 1918, this book was eventually serialized in *Der morgn zhurnal*. *Di heym un di froy* was a manual for Jewish home life in the United States, intended for Americanizing, middle-class aspiring Jewish immigrants, especially women. Paula Hyman, in fact, has noted that *Di heym un di froy* was one of many Yiddish-language advice manuals that "recognized the influence of wives and mothers on the members of their families." Over 200 pages long, the manual consists of sixty short chapters with headings such as "The Question of Dresses," "A Stepmother," and "Justice for Female Workers." But Malitz also had matters to discuss with male readers. In the foreword and in the selected chapter (translated here as "Fathers and Their Children"), Malitz speaks directly to men and encourages them to read *Di heym un di froy*. In this chapter, he decries the ways in which Jewish middle-class family life has developed in America, leading to structures where men are breadwinners but absentee fathers.

This foreword and selected chapter bear the traces of the Americanization of the Yiddish language. Malitz sprinkles words and phrases like בעסער אָב (*beser ov*, Eng. "better off"), ספּענדט (*spendt*, Eng. "spending"), אָפֿיס-באָי (*ofis-boy*, Eng. "office boy"), and נעקסט-דאָר (*nekst-dor*, Eng. "next-door") throughout the texts below. The Yiddish original also contains some *daytshmerish* (Germanized) orthography and vocabulary. While the *daytshmerish* orthography has been altered here to reflect YIVO standards, the *daytshmerish* vocabulary was preserved to capture the flavor of Malitz's original.

*This translation is dedicated to my father, who continues to sit down with me and have long, serious conversations about the important things in life.*

# Foreword

This book was written for women and is dedicated to them. It's a monument to the greatest martyrs in the world, those who devote their whole lives to humanity and unfortunately are given so very little recognition for it.

It's my sincere wish, however, that men also read this book. You, I, and every married man should leaf through it at least once a week. This book is a suitable mirror to show us, men, what we look like.

If you read a couple chapters of this book on the occasional free evening and take a look at your wife's graying hair and the lines on her face, you'll realize then and there just how much patience your darling angel has, and how much suffering and hardship she goes through. At that moment, you will, I hope, set the book down, get up from your chair, tiptoe over to her chair, and give her a loving, heartfelt, resounding kiss as though you'd just gotten married yesterday. You needn't say anything. Tears will spring to her eyes, and she'll know and feel, deep in her heart, that you're becoming a better husband.

- The author

# Fathers and their Children

When we look at Jewish family life in America, we see something striking—children's education is entirely thrust upon the mother. She's supposed to bend over backwards while the father's influence on his kids is totally neglected. The result is quite tragic because, for the most part, children don't want to obey their mothers. Mothers end up terribly exasperated, tormented by every little trifle. Then, when fathers eventually notice their children haven't turned out like they should, they end up blaming their wives. The mother is to blame for everything. She taught them, after all.

The average Jewish man in America doesn't want to think about the great responsibility of fatherhood. He thinks he's fulfilling all his duties by toiling to provide his children with a roof over their heads and food on the table. Once he's better off and spending more money on his kids, he figures he's undoubtedly a good father—and whatever's left over isn't his business. Let the mother do whatever she wants. He has no time to spend on his children's education. He's got important things to do. He's a busy man!

Take any manufacturer or businessman and you'll find he's far more acquainted with the boys in his office than with his own sons. He knows his bookkeepers and their personal affairs better than those of his own daughters. He never makes time to take his sons and daughters somewhere, and he won't put aside a half hour to have a long, serious conversation about the important things in life. He won't sit down with his daughters for a heart-to-heart chat, sharing his expectations, what they should do, how they should behave, and what kind of life path will turn out better or worse. But as for the young women who work in his office—he'll certainly sit down and offer the best and most friendly advice anytime, letting them know how they should behave. And so too he takes more interest in the boy in his office than his own son. He won't ever sit down with his son and have a confidential conversation, like "My boy, do this, don't do that," and so on. All he knows is that sometimes, when something bothers his wife and she complains about one of the kids, he'll give the child—or the child and mother both—a good scolding. With that, the tragicomedy comes to an end.

The entire future of children, therefore, depends only on mothers. The father takes this large, heavy yoke and throws it on the mother's shoulders. Children end up with the impression that a father is somewhat similar to a cash register. Someone puts money in and they and their mother withdraw it. That's it. He has no influence at all on his kids. He's a stranger to them, as though he were the next-door neighbor. Their entire education is in their mother's hands. Not only does she decide the food the kids eat in the cradle but the entire course of the child's life is up to her. She directs the children as she sees fit. She decides what kind of schools they should attend, what kind of friends they should have, and who they can or can't see. The mother alone must settle all these important questions, since the father takes no interest. He's satisfied with everything and doesn't put up the slightest protest, except when the bills pile up or when something goes wrong. When that happens, the man suddenly becomes a prophet, claiming that he knew the result all along—because nothing good can happen

when the old lady is involved.

In no way does the father want to consider that it's his own fault. He doesn't care to know—not one bit!—that his wife has too many things on her plate to make sure their house can be called a "home." He'd rather not think about the fact that a father can influence children more than a mother, nor that—by neglecting to wield his influence—he is the main guilty party.

Consequently, it's no wonder that a lot of children don't behave properly and end up ruined for the rest of their lives. There are fathers—mostly those who are more or less better off, big-time and middling businessmen—who calculate everything in dollars and cents. When these fathers finally look around and see what's become of their children, they think their children are the worst investment of their lifelong labor. But instead of the fathers blaming the children, it is the children who should blame their fathers.

When children are young, they need a teacher, a guide. A mother can attend to some things. Her work is keeping the children clean and tidy and maintaining their health. That alone is more than enough. A father's duty is to take care of the children's future. It's about "preparedness": he must prepare them to go out into the world as people, as soldiers in the great battle of life. A father must stand at attention and keep a close eye on his kids. Since he works for eight or more hours, he must spend at least one hour a day attending to the work of getting to know his kids. He must speak with his kids and, through close, caring conversations, draw attention to the ideals he seeks to nurture in them.

These hours are the absolute best investment a person can make during their life. Why? The best insurance in your older years is to have your children grow up to be upstanding people. There's no better balm and comfort for elderly parents than good, respectable children.

Everyone prays they'll live to see old age. But once they're older, having come to life's Aleinu and left the rat race, feeling exhausted from life's commotion, they realize they're quite miserable and lonely. Just imagine: all your friends abandon you—nobody wants to hang around when the Angel of Death is expected at any moment. A horrible depression sets in as the shadow of death grows dreadfully darker, plunging the entire world into a pitch-black gloom. And the only light left? Fine, honorable children—bright, glowing rays to warm your soul and shine into the deep darkness around you. You were there at their birth, and they won't leave your side until you draw your last breath.

So, there can be no better investment than a father committing an hour a day to grow closer to his kids, showing them good, fatherly love and offering trustworthy advice on how to navigate life.

# פֿאָררעדע

דער בוך איז געשריבן געוואָרן פֿאַר די פֿרויען און געווידמעט צו די פֿרויען, אַלס אַ מאָנומענט צו די גרעסטע וועלט־מאַרטירער, וועלכע גיבן אַוועק זייער גאַנץ לעבן פֿאַר דער מענטשהייט, און עס ווערט לײַדער זייער ווייניק אָנערקענט.

אָבער מײַן ערנסטער ווּנטש איז, אַז מענער זאָלן דעם בוך לעזן; איך און איר, און יעדער פֿאַרהייראַטער מאַן דאַרף דורכבלעטערן דעם בוך אַמווייניקסטן איין מאָל אין וואָך. דער בוך איז אַ ריכטיקער שפּיגל, וואָס צײַגט אונדז, מענער, ווי מיר זעען אויס.

ווען איר וועט אַ מאָל אין אַ פֿרײַען אָוונט דורכלעזן אַ פּאָר קאַפּיטלען פֿון דעם בוך, און וועט אויפֿהייבן אײַערע אויגן און אַ קוק טאָן ווי אײַער פֿרויס האָר פֿאַנגען אָן גרוי צו ווערן און אויף איר געזיכט צײַגן זיך קנייטשן, דאַן וועט איר ערשט באַגרײַפֿן וויפֿל געדולד און וויפֿל לײַדן און מאַטערניש אײַער מלאך האָט אַריבערגעטראָגן; איר וועט דאַמאָלס, האָף איך, אַוועקלייגן דעם בוך, אויפֿשטיין פֿון אײַער טשער, און וועט צוגיין אויף די שפּיץ פֿינגער צום טשער ווּ זי זיצט און אַ ליבלעכער האַרציקער קוש וועט אָפּקלינגען איבערן צימער, מיט אַ געפֿיל ווי איר וואָלט ערשט נעכטן געהייראַט.

איר דאַרפֿט איר דאַן אַ וואָרט ניט זאָגן. די טרערן וועלן זיך איר גלײַך שטעלן אין די אויגן, און זי וועט וויסן, איר האַרץ וועט פֿילן, אַז איר ווערט אַ בעסערער מאַן.

דער פּאַרפֿאַסער

# די טאַטעס און די קינדער

ווען מיר קוקן זיך צו צום ייִדישן פֿאַמיליע־לעבן אין אַמעריקע זעען מיר אַ מערקווירדיקע זאַך. מיר זעען אַז די דערציִונג פֿון קינדער ווערט דאָ אין גאַנצן אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער מוטער, זי זאָל זיך פֿאַרדרייען איר קאָפּ, ווערנד דעם פֿאָטערס אײַנפֿלוס אויף די קינדער ווערט אין גאַנצן פֿאַרנאַכלעסיקט.

דער רעזולטאַט איז אַ טרויעריקער, ווײַל אַממערסטן ווילן די קינדער ניט פֿאָלגן זייערע מאַמעס, און די מאַמעס האָבן שרעקלעכע ערגערניש, מוזן זיך אויסעסן די גאַל בײַ יעדער קלייניקייט, און נאַכער ווען עס קומט אַ צײַט אַז די פֿאָטערס דערזעען, אַז זייערע קינדער זײַנען ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, האָבן זיי נאָך טענות צו דער מאַמע. די מאַמע איז שולדיק אין אַלץ. זי האָט זיי אַזוי געלערנט.

דער דורכשניטלעכער ייִד אין אַמעריקע וויל גאָר ניט באַגרײַפֿן די גרויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון אַ פֿאָטער. ער דענקט אַז ער טוט זײַן פֿולע פֿליכט, דערמיט וואָס ער אַרבעט מיטן ביטערן שווייס צו באַזאָרגן זײַנע קינדער מיט אַ היים און מיט ברויט. ווען ער איז בעסער אָפּ און ספּענדט אויף זײַנע קינדער מער געלט, איז ער דאָך אַוודאי אַ פֿײַנער טאַטע, דענקט ער, און דאָס איבעריקע איז ניט זײַן עסק, זאָל זיך די מאַמע טאָן וואָס זי וויל, ער האָט קיין צײַט ניט זיך אָפּצוגעבן מיט דער דערציִונג פֿון זײַנע קינדער. ער האָט בילכערע זאַכן, ער איז אַ פֿאַרנומענער מענטש!

נעמט אירגנד וועלכן מאַנופֿעקטשורער אָדער ביזנעסמאַן און איר וועט זען אַז ער איז אַ סך מער באַקאַנט מיט זײַנע אָפֿיסבויס ווי מיט זײַנע אייגענע זין. ער איז אַ סך מער היימיש און ווייסט מער אַלע אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פֿון זײַנע בוקקיפּערס ווי פֿון זײַנע אייגענע טעכטער.

ער נעמט זיך קיין מאָל ניט די צײַט צו פֿאָרן אָדער זיך אַוועקצוזעצן מיט זיי אויף אַ האַלבער שטונדע און האָבן מיט זיי אַן ערנסטן און אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן וויכטיקע זאַכן פֿון לעבן. ער זעצט זיך קיין מאָל ניט אַוועק מיט זײַנע טעכטער זיי דערקלערן אין אַ האַרץ־צו־האַרץ־געשפּרעך וואָס ער דערוואַרט פֿון זיי, וואָס זיי זאָלן טאָן, ווי זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן, וואָס פֿאַר אַ וועג עס איז בעסער און וואָס פֿאַר אַ וועג עס וועט זיך אויסלאָזן שלעכט פֿאַר זיי. ווערנד מיט די מיידלעך וואָס אַרבעטן בײַ אים אין אָפֿיס וועט ער עס יאָ טאָן, און וועט זיי צו יעדער צײַט געבן די בעסטע און די פֿרײַנדלעכסטע עצות, ווי זיי זאָלן זיך אויפֿפֿירן אין לעבן.

דאָס זעלבע נעמט דער מאַן מער אינטערעס אין זײַן אָפֿיסבוי ווי אין זײַן אייגענעם זון, ער וועט קיין מאָל זיך ניט אַוועקזעצן מיט זײַן זון אין אַ קאָנפֿידענשל געשפּרעך, אים זאָגן: זון מײַנער, דאָס זאָלסטו יאָ טאָן, דאָס זאָלסטו ניט טאָן, אאַז"וו – אַלץ וואָס ער ווייסט איז, אַז ווען דער מוטער דערגייט עפּעס אַ מאָל צום האַרצן און זי מאַכט אַ קאָמפּליינט אויף אַ קינד, שרײַט ער זיך גוט אָן אויפֿן קינד, אָדער אויפֿן קינד מיט דער מוטער צוזאַמען, און דערמיט ענדיקט זיך די טראַגיקאָמעדיע.

די גאַנצע צוקונפֿט פֿון די קינדער איז דעריבער אָפּהענגיק דאָ נאָר אין מוטערס. דער פֿאָטער נעמט פֿון זיך אַראָפּ דעם גרויסן שווערן יאָך און וואַרפֿט אים אַרויף אויף דער מוטער. די אידעע פֿון די קינדער איבער זייער פֿאָטער, איז אַז אַ טאַטע איז עפּעס ענלעך צו אַ קעש־רעדזשיסטער, ווו אַנדערע וואַרפֿן אַרײַן געלט און זיי און די מאַמע נעמען עס אַרויס, דאָס אַלץ. קיין שום אײַנפֿלוס האָט ער ניט אויף זיי, ער איז צו זיי פֿרעמד, ריכטיק ווי ער וואָלט זײַן דער שכן פֿון נעקסט־דאָר. די גאַנצע דערציִונג ליגט אין די הענט פֿון דער מוטער. זי באַשליסט ניט בלויז וואָס פֿאַר אַ שפּײַז דאָס קינד דאַרף האָבן אין וויגעלע, נאָר אויך די גאַנצע קאַריערע פֿון דעם קינדס לעבן. זי דרעסט די קינדער ווי זי וויל. זי באַשליסט אין וואָס פֿאַר סקולס זיי זאָלן גיין, וואָס פֿאַר פֿרײַנד זיי האָבן, מיט וועמען זיי זאָלן יאָ גיין און מיט וועמען ניט. די אַלע וויכטיקע פֿראַגעס מוזן פֿון דער מוטער אַליין געסעטלט ווערן, ווײַל דער פֿאָטער וויל פֿון קיין זאַך ניט וויסן, ער איז מיט אַלץ צופֿרידן און ער מאַכט ניט דעם מינדסטן פּראָטעסט, אויסער ווען די בילס זײַנען צו גרויס, אָדער ווען אַ זאַך לאָזט זיך אויס שלעכט. דאַן ווערט ער מיט אַ מאָל אַ נבֿיא און זאָגט, אַז ער האָט פֿריִער געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיך אויסלאָזן, ווײַל דאָרט ווו אַ ייִדענע מישט זיך קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

ער וויל גאָר ניט נעמען אין אָנבאַטראַכט אַז דאָס איז זײַן אייגענע שולד. ער וויל גאָר ניט וויסן, אַז די פֿרוי האָט צו פֿיל זאַכן צו פֿאַרזאָרגן אום צו מאַכן אַז די היים זאָל ווערט זײַן צו טראָגן דעם נאָמען „היים“, ער וויל גאָר ניט אַ טראַכט טאָן, אַז אַ פֿאָטער קען האָבן מער אײַנפֿלוס אויף קינדער ווי אַ מוטער, און אַז דער הויפּט־שולדיקער איז ער אַליין וואָס האָט זײַן אײַנפֿלוס פֿאַרנאַכלעסיקט.

עס איז דעריבער גאָר קיין וווּנדער ניט וואָס מאַסן קינדער פֿירן זיך אויף ניט ווי עס דאַרף צו זײַן, און ווערן רויִנירטע מענטשן פֿאַר זייער גאַנצן לעבן. די פֿאָטערס, אַממערסטן די וואָס זײַנען מער אָדער ווייניקער בעסער אָפּ – די גרעסערע און קלענערע ביזנעסלײַט, וועלכע רעכענען אַלץ אויף דאָלאַרס און סענטן, ווען זיי קוקן זיך אַם ענדע אַרום, און זעען וואָס פֿון זייערע קינדער איז געוואָרן, טראַכטן זיי זיך אַז קינדער איז די ערגסטע אינוועסטמענט אויף וועלכע זיי האָבן אַוועקגעלייגט אַזוי פֿיל אַרבעט זייער גאַנצן לעבן. אָבער אַנשטאָט זיי זאָלן האָבן טענות צו די קינדער, דאַרפֿן גאָר די קינדער האָבן טענות צו זיי.

ווען קינדער זײַנען יונג מוזן זיי האָבן אַ לערער, אַ וועגווײַזער. עס זײַנען דאָ זאַכן צו וועלכע די מאַמע קען אַטענדן. צו האַלטן די קינדער ריין, ציכטיק, צו היטן זייער געזונט, דאָס איז דער מאַמעס אַרבעט און דאָס אַליין איז גאַנץ גענוג פֿאַר דער מוטער. ווען עס קומט אָבער צו פֿאַרזאָרגן די צוקונפֿט פֿון די קינדער, זיי פֿאָרצובאַרייטן צום אַרויסקומען אין דער וועלט אַלס מענטשן, אַלס סאָלדאַטן אין דעם גרויסן קאַמף פֿון לעבן, ווען עס קומט צו דער פֿראַגע פֿון „פּריפּערעדנעס“ – דאָס איז שוין דעם פֿאָטערס פֿליכט צו דערפֿילן, דאָ דאַרף דער פֿאָטער שטיין אויף דער וואַך און היטן זײַנע קינדער מיט טויזנט אויגן. אַזוי ווי ער גיט אַוועק פֿאַר זײַנע ביזנעס אַכט שטונדן אין טאָג אָדער מער, אַזוי מוז ער אַמווייניקסטן אַ שטונדע יעדן טאָג אַטענדן צו די ביזנעס פֿון זיך באַקענען מיט זײַנע קינדער, רעדן מיט זיי, און אין אינטימע פֿרײַנדלעכע געשפּרעכן זיי אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף זײַן אידעאַל וואָס ער זוכט צו געפֿינען אין זײַנע קינדער.

די דאָזיקע שטונדן איז גראַדע די בעסטע אינוועסטמענט וואָס אַ מענטש קען מאַכן אין לעבן. ווײַל ווען אײַערע

קינדער וואַקסן אויס גרויסע פֿײַנע מענטשן, איז דאָס די בעסטע אינשורנס צו אײַערע עלטערע יאָרן. עס גיט ניט קיין בעסערע באַלזאַם און קיין בעסערע טרייסט צו אַלטע טאַטע־מאַמע ווי פֿײַנע אָנשטענדיקע קינדער.

יעדער מענטש בעט ער זאָל אַלט ווערן. אָבער ווען די אַלטע יאָרן קומען – ווען מען האַלט בײַם „עלינו“ פֿון לעבן, ווען מען פֿאָרט שוין פֿונעם יריד, ווען מען הייבט אָן פֿילן שוואַך און מיד פֿונעם לעבנס טאַראַראַם, דערזעט מען דאַן אַז מען איז זייער עלנט און איינזאַם. אַלע אײַערע פֿרײַנד פֿאַרלאָזן אײַך, קיינער האָט קיין חשק ניט צו פֿאַרברענגען דאָרט ווּ דער מלאך־המוות ווערט דערוואַרט יעדע מינוט, און אַן אימהדיקער עלנט רינגלט אײַך אַרום פֿון אַלע זײַטן, דער שאָטן פֿון טויט איז שרעקלעך שוואַרץ און מאַכט שוואַרץ און פֿינצטער די גאַנצע וועלט אַרום אײַך, און די איינציקע ליכטיק וואַרעמע שטראַלן וואָס בלײַבן דאַן עטוואָס צו דערוואַרעמען אײַער נשמה און צו באַלײַכטן די טיפֿע פֿינצטערניש אַרום אײַך, זײַנען פֿײַנע, גוטע, אָנשטענדיקע קינדער. איר זײַט געשטאַנען בײַ זייער געבורט און זיי פֿאַרלאָזן אײַך ניט ביז אײַער יציאת־נשמה.

און קיין בעסערע אינוועסטמענט קען דעריבער אַ פֿאָטער ניט מאַכן ווי אָפּצוגעבן יעדן טאָג אַ שטונדע, זיך נעענטער צו באַקענען מיט זײַנע קינדער און זיי געבן גוטע פֿאָטערלעכע ליבע און געטרײַע עצות, ווי זיך אויפֿצופֿירן אין לעבן.